Digitales Brandenburg

hosted by Universitätsbibliothek Potsdam

# Ṿinṭer

Brenner, Yôsēf Ḥayyîm
ברנר, יוסף חיים

Ṿarshe, 1936

ג.

urn:nbn:de:kobv:517-vlib-8203

Visual Library

## ג.

אין די שווערסטע און קאַלטסטע ווינטער-טעג פלעגט דידאָזיקע אָרימע פרוי מיך פירן אין חדר אריין צו ר׳ ישראל דרדקי-מלמד אינם זעלבן קליינעם שליטעלע, וועלכן זי האט באנוצט אויף פירן קליידער צו וואשן צום טייך.

ר׳ ישראל, וועלכער איז שוין געווען זיכער, אז אין אזא קעלט וועלן זיך די תלמידים זיינע נישט צוזאמענקומען לערנען (די קינדער פון די באלעבאטים — זענען געצערטלט, און די קינדער פין די ארימעלייט—נאקעט), איז זיך געלעגן „ווי אַ קייסער״ אויף דער לעזשאנקע פונם ווארעמען אויוון. צוליב זיין „באלעבאָסטע״ — מיין מאמע—קריכט ער אראָפּ אן חשק, קראצט זיך און זאגט:

— א, אין אזא קעלט, אין אזא קעלט... אן איינשטעלע-ניש... מסירות נפש בפועל ממש... יא... איך זאג תמיד: יהודית!.. אויפגעהאדעוועט ביי ר׳ ברוכן, זכרונו לברכה... יאָ... איז אט הער, יהודית... איך זאג תמיד: „קיין זאך גייט נישט פארלוירן. קיין זאך איז נישט אומזיסט אויף אונזער וועלטל, איך זאג... יא... נאך עפעס זאג איך, יהודית: דו האסט נישט וואס מקנא צו זיין קאָצינען... ער נעמט פאר זיך א מלמד, ער צאלט פופציק רובל א חודש — און די קינדער זיינע זענען „גויים״, חמורים, קענען קיין „עברי״ נישט... וועמען דארף מען מקנא זיין? — דיר דארף מען מקנא זיין... און איך בין טאקי מקנא... הלואי, וואלט מיין עלטערל גע-

ווען אַ צענט־חלק פֿון דיין זון... און דו האסט נישט וואס מקנא צו זיין קאצינען... עשירות איז נארישקייטן... עט...

— פע... — מאכט מיין מאמע אן אָנשטעל און זי וויל נישט קיין רייכקייט און קיין קנאה — ברוך השם... איך זינדיק נישט.. אבער וואס, ר׳ ישראל, איז טאקי פאראן אַ האפענונג, אז איך מאַטער מיך נישט אומזיסט ?..

אין דרויסן איז אַ חורבן: אַ קעלט, אַ זאַוויערוכע, אַ שניי. מיין מאמע שטייט אין אַ צעריסן זומער־קלייד; דאס וואַרעמע טוך, וואס אויף די אַקסלען, איז דורכגענעצט און געלעכערט. זי ציטערט פֿון קעלט און פֿון אַ אינערלעכער אויפרודערונג. און אירע אויערן הערן זיך איין צו די מעשיות פֿון איר מלמדיכע (ר׳ ישראלס ווייב), וועלכע שפּרינגט אונטער און שילדערט מיינע „מעלות״. דער מאַמעס אויגן פארגרעסערן זיך און ווערן פייכט און זי ווישט זיי אויס מיט די ברעגן פֿון איר פארשמוציקט קלייד.

דער ווינט ברומט, פייפט, שטורמט. און ר׳ ישראל, איינם ווינטער־שפּאַנצער, שטייט און פילאָזאָפירט און פאַרט־פט זיך אין דער חקירה, אז קיין זאך גייט נישט פארלוירן אין אונזער וועלט, אפילו נישט די קלענסטע זאַך. אלץ האט אן אָרט. אַלץ איז געוואויגן און געמאָסטן, אלץ איז פאָרויסגעזען...

— נו, יערמיק, — טרייסלט ער זיך ענדלעך פאַנאנדער — נעם נאָר דעם חומש, וועסטו זאָגן „תרגום״. זאָל דיין מאַמע הערן, זאל זי הערן... זי איז ווערט, זי זאָל האבן נחת פֿון דיר...

---

מיין טאַטנס באַציאונג צו מיר איז געווען אַן אַנדערע. קיין באַזונדערע ליבע־געפילן האט ער נישט געפילט צו מיר, און פונדעסטוועגן האט זיך זיין גאַנץ לעבן קאָנצענטרירט אויף מיר, כ׳מיין דערמיט צו זאָגן, איך בין ביז אים געוואָרן דער

איינציקער מיטל צו דערגרייכן זיין געזעלשאַפטלעכן אידעאַל. מיין אויסצייכענען זיך האט אים געדינט אַלס אַ באַשיצונג פאַר די, וואס פלעגן אים וועלן אמאָל איינשטילן, ווען סהאט זיך ביי אים דערוועקט דער חשק צו זאָגן אַ דעה; און געבן אים אַמאָל אַ שנעל איבער דער נאָז, ווען ער האט זי גע־שטעקט וואו מ׳דאַרף נישט. ער איז דאָך עפעס דער טאַטע פונם „שטאָטישן עילוי״!

איך האב, וואס אן אמת, געהאט קעגנער. אַ סך האָבן אין מיר איינגעפונען פעלערן, וועלכע פלעגן מיין פאָטער שטאַרק אריינברענגען אין כעס און פלעגן דערפירן, ער זאל צו מיר אויסלאָזן זיין נקמה. אין בית־מדרש פלעגן די, וואס האבן מיר מקנא געווען, פאַרמאטערן מיט פראַגעס, פלעגן מיר אונטערלייגן שטרויכלונגען אויפן וועג, פלעגן מיך שטופן, טשעפן זיך צו מיר מיט רייד. אין פלוג איז דאס דאָזיקע פאַרטשעפן געקומען פון גוטמוטיקייט, אבער סהאט אויך נישט געפעלט דערביי קיין שפּאָטישע, ספּעציעלע שנאה. מיין טאַטע פלעגט בעת מעשה שטיין נעבן זיי, ר׳פלעגט קוקן אויף מיר פון אַ זייט און וואַרטן, איך זאָל מיך אויסצייכענען מיט אַ קליגן־ווערטער־קאַמף, מיט אַ ענטפער פון אַ גרויסן, און דאס דאָזיקע וואַרטן זיינס פלעגט זיין באַגלייט מיט אַ נערוואַזיטעט, מיט אַ בייזער מינע; סהאבן אים זייער טיף אָנגערירט מיינע גענג און מיינע אויפפירונגען, ווארום זיי האבן געדארפט זיין די הערנער, מיט וועלכע ער זאל שטויסן זיינע שונאים און קעגנער, און אז ער פלעגט זיך אין דערדאָזיקער האָפענונג אנטוישן פלעגט ער אויסגיסן זיין כעס אויף מיר, און דער „עולם״ פלעגט דערפון הנאה האָבן. די פראָסטע מאַסע און די אַמעראַצים פלעגן זיך צו מיר באַציען ווי צו אַ תלמיד־חכם: אַ קליינער יאָלד... און אונזערע בייכיקע און מיושבֿ־דיקע בין איך באמת נישט געווען געפעלן. אפילו מענדל, דער באַלעבאָס פון אונזער דירה, האט תמיד ליב געהאט

אויפצוּווייזן מיין טאַטן, אַז איך האָב אַן אויסזען פון אַן אַלטן מאַן, אַז איך בין אַ בטלן אין וועלט-זאַכן, אַ מרה־שחורהניק, אַ משוגעהדיקע בריה, אַן אמתדיקער טפש. מיין טאַטע פלעגט זיין אין כעס. ער האָט געוואָלט הערן בלויז לויב. איך בין געווען זיין „לידל״ אומעטום, וואו ער האָט זיך געפונען. ביי אים איז אויסגעקומען, אַז אַלע שטאָט־מענטשן האָבן נישט קיין שום אַנדער געשעפט אַחוץ „זיין ירמיהן״. די דאָזיקע פאַנטאַזיע זיינע האָט זיך נאָך פאַרשטאַרקט, ווען איך בין אַריבערגעגאַנגען פונעם דרדקי-מלמדס חדר אין זיין חדר אַריין, און אין מיין זכות האָט מען אים אָפּגעגעבן עטלעכע פון די בעסטע תלמידים אין שטאָט. איך בין נאָך דעמאָלס נישט אַלט געווען קיין פולע זיבן יאָר. ויקרא, במדבר, האַלב ישעיה און עטלעכע פון תרי־עשר בין איך שוין געהאַט דורכגעגאַנגען. דאָס לייענען עברי איז מיר נאָך אמת אָנגעקומען אַביסל שווערלעך; דאָך האָט מיין טאַטע מיט מיר אָנגעהויבן לערנען די גמרא בבא־מציעא כּדי זיך אויסצופּיינען, און ער האָט אָלעמען טויב געמאַכט מיט די מעשיות און גוזמאות, וואָס ער פלעגט זיך אָנדערציילן:

— איר וועט גלויבן, ר׳ משה, ער האָט דאָך באַלד אָנגעהויבן פון „שנים אוחזין״ און נישט פון „המפקיד״, סאיז אים דען עפּעס אַ נפקא־מינא?.. די מעשה איז אַזוי... דעם ערשטן טאָג... „זה אומר כּולה שלי וזה אומר חציה שלי — זה נוטל...״, בקיצור, ער גיט מיך באַלד אַ פרעג דעם מהר״םס אַ קשיא, ווי איך בין אַ ייד... אָט דער קליינער!.. איך ווייס נישט וואָס צו ענטפערן, ווי איך בין אַ ייד, און ער לאָזט נישט אָפּ: פאַרענטפער אים די קשיא זיינע! כּע־כּע... איך קוק נאָך אין די מפרשים, אַהער, אַהין — ערשט דער מהר״ם!..

פאַרבייגייענדיק גיט ער צו, אַז ער האָט מיך אַוועקגעזעצט אין איין כּיתּה מיט יאַנקעלע, טאַקע דעם ר׳ משה׳ס זון.

דידאָזיקע באַמיאונגען זיינע און אויך מיין באַגער צו קריגן אַ גרויסן נאָמען האָבן ביסלעכווייז דערגרייכט זייער ציל. מיין פאָטער האט אָנגעהויבן פילן, אז פון איצט אָן האט שוין נישט קאָצין און זיינס גלייכן דאָס רעכט אים אָפּשטויסן מיט פאַראכטונג: „שלום געצל, מהאָט דיר שוין וויפיל מאָל געזאָגט, אז אַ מלמד דאַרף זיך נישט אַריינמישן אין אַזעלכע געשעפטן!" — איצט איז ער דאָך שוין נישט קיין פשוטער מלמד. די גאַנצע וועלט ווייסט, אז ביי אים אין שטוב וואקסן אין דער פאָרם פון אַ ווילדן און באָרוועסן יינגל צוויי טויזנט רובל נדן, אז דידאָזיקע יהודית, וואָס האט אַ געשטיפלט פנים, באַדעקט מיט גרויסע פלעקן, האָט אַ געבענטשטן בויך, אַ קוואַל פון „עילויים".

און אז ס׳פלעגט אים אַמאָל זיין גוט אויפן האַרצן און דאָס גליק פלעגט זיך אַריבערגיסן איבער אַלע ברעגעס און אַרויסשפּאַרן אין דרויסן אַרויס, פלעגט ער קומען זיך טיילן מיטן גליק צו דערזעלבער יהודית, וועלכע פלעגט אין אַזעלכע מינוטן פאַרגעסן אירע אַלע יסורים און בזיונות און פלעגט פול ווערן מיט דאַנקבארקייט און נחת אָן אַ סוף. די פיס פלעגט ער פאַרלייגן איינעם אויפן אַנדערן, ר׳פלעגט זיך אָנשפּאַרן אויפן ווענטל פון שטול, פלעגט רעדן געלאַסן וואָרט ביי וואָרט און מיט פאַרגעניגן מאַריך זיין אינם דערציילן — וועגן זיין גרויסקייט און אָנגעזעענקייט: אז ער איז נישט קיין מלמד ווי אַלע מלמדים, ער איז אַ מלמד נאָר אין חדר א.ן אין דער וועלט איז ער אַ „באַלעבאָס". דעם לעצטן יום-טוב איז ער גצוועזן אויך ביים גביר אין שטוב.

— פאַרשטייסט, יהודית?

— איך פאַרשטיי, כ׳פאַרשטיי... וואס איז דאָ פאַראַן צו פאַרשטיין?

— אַי, אַ יידענע בלייבט אַ יידענע!.. קענסט נישט פאַרשטיין... קאָצין האט דאָך געהאט אַ חנוכּת-הבית, האט ער

פארבעטן דעם רב, משה שמערלס, ר׳ צדוק דעם איניקל, אלימלך דעם מלוה... כע, ישראל דרדקי־מלמד איז דאָרטן נישט געווען... און איך רוף מיך אָן אין אַ וויץ צו קאָצינען: ר׳ נתן, זאָג איך, ר׳ נתן !.. — ... ר׳ נתן —

— וואָס זאָג איך דען ?.. דו ווייסט דאָך, אַז איך האָב דיר דאַמאָלס קיין וואָרט נישט געזאָגט, ווען דו ביסט צוריק־געקומען... סאיז נישט אין מיין נאַטור, ווי אנדערע ווייבער, ווי ד י, למשל (דער פינגער גיט אַ וווייז אויפן צווייטן צימער, וואו סוואוינט מרים)... נאַר, פונדעסטוועגן, שלום געצל, פונ־דעסטוועגן... איך זאָל אזוי לעבן, ווי דו וואָלסט בעסער גע־טאָן, ווען דו קומסט צוריק גלייך פון בית־מדרש צו דיין ווייב און דיין שטוב... איך זאל אַזוי לעבן.. די גאנצע גוטסקייט איז ביי די גבירים ?.. סאיז ביי אונז, ברוך השם, נישט גע־ווען ערגער ווי ביי אַלע יידן... די יויך איז געווען ווי קריס־טאל... אַ גאנצע העלפט פון אונזער ראַבער הון איז דאָרט געווען... און דער קוגל, איז צעגאַנגען אין מויל... און אַז נישט ווי ביי קאָצינען — טאָ וואס איז ? דאַנקען גאָט !.. דער עיקר איז דען צו זיין זולל־וסובא׳ס ? וואס ?

— „ווי ביי קאָצינען" — שפעט אָפּ מיין טאַטע און צע־קאָכט זיך—אַי, חכמה ! הלואי זאל איך זען אויף אונזער ירמיה׳ס חתונה אַ העלפט דערפון, וואס כ׳האָב דאָרטן געזען !.. פרעג, וואס האט דאָרטן געפעלט !.. אַלערליי געבעקס, — אַלערליי איינגעמאַכטס, אַלערליי פישן און פליישן, אַלערליי פארבייסנס !.. און די גבירטע האָט געשיינט מיט איר גאָלדע־נעם זייגער... יעדער מאכל, וואָס מהאָט געגעסן...

— בקיצור... — באַמערקט מיין מאַמע שטיל — פאר פרעמד געלט וואָלט איך אויך געווען אַ „בריה" און איך וואָלט אויך געקענט אָנגרייטן און אָנבאַקן אַלץ...

— אַי ! — פראָטעסטירט דער טאַטע מיט אַ מאָדנער באַ־

וועגונג, ווי ר׳וואָלט זאָגן: זאָלסט נישט זיין קיין נאַר! וועגט האָבן אויערן... אַזעלכע רייד טאָר מען נישט רעדן!..

-- וואס זאָג איך דען?.. איך זאָג נאָר... גוט, גוט וואס דו קומסט צווישן מענטשן, סאיז דיין פּאַך אַזאַ... אָבער אַלץ האָט אַ גרעניץ... ווען דו וואָלסט געקומען אין דער צייט, וואָלט מיין יום-טוב נישט פארשטערט געוואָרן... איך האב מיר גערעכנט: סוועט קומען יום-טוב, דער ליבער יום-טוב... וועלן מיר אלע זיצן ביים טיש... וועל איך אויך וויסן, אז סאיז יום-טוב ביי יידן... צי איז מיר טאַקי פאַרווערט צו האָבן אַ ביסל נחת אויף מיין וועלט?.. און וואס איז געווען דער סוף... ביסט געקומען אין אָוונט... שיכּור ווי לוט. ירמיה איז געזעסן אין אַ ווינקל ווי אַ פאַרזינדיקטער... סאיז געווען אַ רחמנות צו קוקן אויף אים... ער איז געזעסן, געזעסן — און אַנטשלאָפן געוואָרן...

— ירמיה! — געדענקט דער טאטע דעם עיקר -- אָט דאס זאָג איך דאָך טאַקי, אז דו קענסט נישט פאַרשטיין!.. קאָצין זאָגט: לחיים, שלום געצל!.. און ר׳ צדוק דער איניקל: לחיים, שלום געצל, וואס מאכט דיין קליינער? און דער רב זאָגט: זה הקטן גדול יהיה!..

און ער צעגייט זיך אין מתיקות...

---